#2

# קול המוסדות

נייעס אינפארמאציע אנטוויקלונגען

פון אונזער ת"ת הק' מיט אירע 400 קינדער כ"י

ארויסגעגבן דורך: תלמוד תורה "תורה ויראה" דרבינו יואל דסאטמאר לאנדאן יצ"ו

## סודות פון חדר...



6

## אין בלויז צוויי יאר



א איבערבליק אויך דעם רוחניות'דיגן בליה פון אונזער "תלמוד תורה"

10

## קול ההורים

עלטערן שרייבן איבער די תלמוד תורה



8

## דער פרעכטיגער קרוין



5

## פאר ווער זיך אליינס?

2

## וואס זאגט רבי תנחומא צו אונזער קאמפיין?




4

## בילדער בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אין לאנדאן פאנגאנגענם חודש אלול תש"ע



12

## ריזיגער ציבור ערווארטעט ביים רעספשאן לטובת די סאַטמאַרער תלמוד תורה

### קומענדיגן א' פרשת בלק

אין שטוב פון הרבני הנכבד ר' יושע וויינבערגער הי"ו

חבר הנהלה ורוח החיים פון די תלמוד תורה

3

# פאַר וועמען?

# פאַר זיך אַליינס!

שטייט יאַנקעלע, אַ זעקס-יעריג אינגעלע און וואונדערט זיך, וואָס טוט דאָ דער טאַטע? ער וואַרפט זיך מיט אַזעלכע גרויסע סומעס געלט?

ווי גרויס די סומע איז ווירקליך געווען, איז קיין גרויסע נפקא מינה נישט. ס'איז בסך הכל די רעדע פון אַ פעקל איינצעלנע דאָלאַרן, אָבער אין יאנקעלעס אויגן איז דאָס איז גענוג גרויס אַז עס זאָל אויסקוקן ווי אַ פעקן מיט הונדערטערס... און ער וואונדערט זיך, וואָס גייט דאָ פאר? פאַרוואָס וואַרפט זיך דער טאַטע אַזוי מיט אַזויפיל געלט?

געווען איז עס אַ פשוט'ן מיטוואָך. ר' חיים דער פאָטער פון יאַנקעלע האָט באַמערקט אַז זיין אַנצוג איז שוין אַביסל פאַרפלעקט. מען וואָלט עס שוין געדאַרפט געבן צו קלינען. ר' חיים איז געגאַנגען און ער האָט געביטן רעקל. אין שאַפע האָט ער אַלץ גרייט נאָך אַ רעקל אַז עס זאָל אים זיין גרייט אויפ'ן מאָמענט ווען ער געט דאָס אַנדערע צו קלינען, צו אין אַנדערע פעלער ווען ער קען נישט נוצן דעם געווענליכן רעקל מיט וואָס ער גייט אַלעמאָל. ר' חיים האָט פשוט אָנגעטון דעם אַנדערן רעקל, און איבערגעלאָזט דעם געווענליכן רעקל אַז מ'זאָל דאָס קענען אַריינגעבן עס אויסצוזויבערן.

ר' חיים האָט אָבער אין טאַש אויך פאַרשידענע וויכטיגע חפצים, דערצווישן אויך אַ פעקל מיט איינצעלנע דאָלאַרן פון וואָס ער טיילט צדקה פאַר די וואָס קומען בעטן פון אים. פאַר'ן איבערלאָזן דעם רעקל האָט ר' חיים אויסגעלייגט די טאַשן. ער האָט צווישן אַנדערן אַרויסגענומען פון טאַש דעם פעקל דאָלאַרן און ער האָט דאָס אַריינגעלייגט אינעם אַנדערן טאַש פונעם רעקל וועלכע ער נוצט איצט.

**ער וואַרפט זיך מיט געלט?**

פאַר איינעם וואָס ווייסט נישט וואָס ער טוט דאָ קוקט עס אויס מאדענע. ער האָט אַזעלכע גרויסע סכומים, און ער היט עס נישט געהעריג ווי עס דאַרף צו זיין. ער נעמט עס אַרויס, ער לאָזט עס ליגן אויפ'ן טיש, ער קוקט זיך נישט אום דערויף געהעריג. אַזוי קען עס אויסקוקן. ווירקליך אָבער האָט ר' חיים גאָרנישט געטון. ער האָט עס בסך הכל אַרויסגענומען פון איין טאַש, און עס אַריינגעלייגט אין צווייטן טאַש.

*

**קומענדיגן זונטאָג וועלן מיר אַלע בעזהשי"ת זיך צונויפקומען צו די דרינגענדע רעסעפשאָן וואָס ווערט אַראַנדזשירט דורכ'ן געטרייען חבר הנהלה הרה"ח הר"ר יושע וויינבערגער שליט"אַ ביי זיך אין שטוב. מיר אַלע וועלן קומען "זיך וואַרפן מיט געלט"... שטיצן און מחזק זיין די הייליגע תלמוד תורה.**

ניין, נישט גענוצט דעם פאַסיגן אויסדרוק. ווען עס זאָל זיין די רעדע פון סיי וועלכע "תלמוד תורה" וואו אידישע קינדער ווערן נתחנך אַלס "בנים למקום" וואָלט עס אויך נישט געווען די רעדע אַז "מ'וואַרפט זיך מיט געלט". די זכותים פון יעדעס קינד וואָס זיצט און לערנט און ווערט נתחנך צו זיין אַ סאָלדאַט פאַר'ן הייליגן באַשעפער איז אין לשער, און עס לוינט זיך יעדע פעני.

עס איז אָבער פיל מער פון דעם. **עס איז די רעדע פון שטיצן די תלמוד תורה וואו די "אייגענע" קינדער ווערן נתחנך און נתגדל,** וואָס מ'דאַרף בלויז נוצן אַביסל דמיון, און גוט אַריינטראַכטן **"וואָס וואָלט געווען ווען נישט די תלמוד תורה?"** דער חיוב פון מחנך זיין די קינדער ליגט דאָך באמת אויף יעדן טאַטן עקסטער. יעדן טאָג זאָגט מען צוויי מאָל אַ טאָג דעם בפירוש'ן חיוב **"ולמדתם אתם את בניכם"** אַ טאַטע דאַרף זען צו לערנען מיט די קינדער.




קומט די תלמוד תורה און פירט אויס דעם שליחות פון יעדן טאַטן. די תלמוד תורה שטעלט צו אַ מקום וואו צו לערנען; שטעלט צו מלמדים ווער עס זאָל לערנען מיט די קינדער; שטעלט צו אַ רוחניות'דיגע סטעף וואָס זאָל באַגלייטן אַלע לימודים און אַלע סדרי החינוך; שטעלט צו אַלעס וואָס פעלט זיך נאָר אויס אַז די קינדער זאָלן קענען נתחנך ווערן לשם ולתפארת. ליבערשט געזאָגט, די תלמוד תורה שטעלט צו אַלעס אַלעס דערמיט אויסצופירן דעם שליחות וואָס די עלטערן האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט!.

**יאָ אמת, די תלמוד תורה שטעלט אַלעס צו,** אָבער דעם חיוב מן התורה קען די תלמוד תורה נאָך אַלץ נישט אויספירן, און אויב די תלמוד תורה שטעלט אַלעס צו, פאַרבלייבט נאָך אויף די עלטערן דער חיוב פון אויסהאַלטן די אַלע פעולות, זען אַז די תלמוד תורה, און די וואָס פירן די תלמוד תורה, די געטרייע חברי הנהלה זאָלן האָבן די מעגליכקייט צו קענען לערנען און מחנך זיין די קינדער. **זען צו שטיצן און מחזק זיין די**

פארזעצונג אויף זייט 14

בס"ד

# אל מעלת כבוד

ידידיי היקרים והאהובים תושבי עירינו המעטירה יצ"ו

אבוא בזה בעד המוסד

## תלמוד תורה "תורה ויראה" דרבינו יואל דסאטמאר

המתנוסס לתפארה פה עירינו לאנדאן

והנה המפורסמות אינן צריכים ראיה

## שמתחנכים בה כארבעה מאות ילדים בלע"ה

ביראת ה' טהורה לשם ולתפארת ואין לשער כמה כוחות ודמים תרתי משמע
משקיעים הנהלת הרוחני והגשמי שניהם יחד לנטוע חינוך על צד היותר טוב
ושהכל יהא על אופן של הרחבת הדעת ומנוחת הנפש

ולכן נעניתי לפתוח שערי ביתי לרווחה ולערוך

# מסיבת קיום תורה ויראה

לטובת התלמוד תורה

שתתקיים אי"ה

## ביום א' פ' בלק

משעה 7:30 ואילך, בביתי

60 St. Kildas Road

אחלה פניכם להשתתף כולכם ברוח נדיבה ובסכומים אדירים
ובזכות זה תתברכו בכל הברכות, בני חיי ומזוני, אכי"ר.

ידידכם המצפה לקבל פניכם באהבה ובכבוד רב

יושע וויינבערגער

# וואָס זאָגט רבי תנחומא צו אונזער קאַמפּיין?




אין פריערדיגן גליון איז עס נתפרסם געוואָרן, און פאַרגאַנגענעם יאָר איז עס צום ערשטן מאָל פראָקלאָמירט געוואָרן, און שוין רופט עס אַרויס **אַזאַ אויסטערלישע אינטערעסע ביים ברייטן ציבור.** מ'פאַראינטערעסירט זיך, מ'פרעגט זיך נאָך, און מ'גרייט זיך דאָס איינצוהאַנדלען.

**וואָס?**

**דער זכות "ברכת המזון" אין אונזער הייליגע תלמוד תורה!**

אַז מ'רעדט צו איינעם וואָס האָט שוין אַמאָל מיטגעהאַלטן אַ "בענטשן" אין חדר, איז יעדעס ווארט איבעריג. דער זכות "**שרייט**" פון זיך אַליינס. לאַנגע מינוטן קען מען שטיין ווי צוגענאָגעלט צום אָרט, הערענדיג **דעם קול הצאן ווי די טייערע קינדער בענטשן מיט אַזויפיל מתיקות.** די באַ'חנ'טע קולות פון אַזויפיל טייערע תשב"ר אויפאַמאָל צעגייט אין די ביינער, און ברענגט אין יעדן אַריין אַ זעלטענעם געהויבענעם געפיל, אַ טעם עליון וואָס ווערט נישט אַזוי שנעל פאַרלוירן פון איינעם וואָס האָט דאָס נאָר אַמאָל מיטגעהאַלטן.




ווידער וואָס האָבן דערוויל נאָכנישט געהערט אַ בענטשן, איז יעדעס איבעריג... ווילאַנג מ'וועט דאָס נישט אַליינס הערן און מיטהאַלטן **וועט מען דאָס נישט פאַרשטיין.** אדרבה, עצה טובה קמשמע לן. עס לוינט זיך צו ספּענדן די עטליכע מינוטן אין טאָג, אַריבערצוקומען אין תלמוד תורה ביי פרישטאָג אָדער ביי מיטאָג, צו הערן דעם הילכיגן קול ברכה פון די אַזויפיל טייערע תשב"ר שיחיו. **עס וועט זיך נאָר לוינען צו הערן!**

אַלזאָ, וואָס איז דאָ צו רעדן? זאָגט אָבער דער מדרש תנחומא אַ מורא'דיגע זאַך וואָס לוינט זיך צו וויסן. אויפ'ן פסוק "**ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך**" זאָגט דער מדרש תנחומא, אַז "את ה' אלקיך" מיינט "מיט'ן" באַשעפער. ווען אַ איד בענטשט ברכת המזון, האָט ער די זכי' אַז נישט ער בענטשט אַליינס, כביכול השי"ת אַליינס בענטשט מיט מיט אים צוזאַמען, **און דער בורא כל עולמים בענטשט דעם איד.**

השי"ת בענטשט טאַקע מיט מיט יעדן איד, אָבער גאָר געהויבן איז ווען דער ברכת המזון קומט אַרויס פון דעם ריינעם אויר, דער ריינער און גייסטרייכער הבל פיהם וואָס די טייערע תשב"ר האָבן. די ברכות וואָס קומען אַרויס פון זייער מויל ברענגט זיכער אַראָפּ אַ מורא'דיגע שפע פאַר יעדן איינעם, **ובפרט פאַר די וואָס קויפן זיך איין אַ זכות דערין!**

דאָס איז דער געוואַלדיגער זכות וואָס שטייט אונז גרייט צו פאַרקויפן. דעם זכות פון ברכת המזון, דער זכות פון השי"ת'ס ברכת המזון **וואָס קומט אַרויס מפיהם פון די תשב"ר!** דער זכות פון ברכת המזון איז דאָך מורא'דיג גרויס. אין מדרש אלפא ביתא ווערט געברענגט, אַז השי"ת זאָגט פאַר אידישע קינדער "**אמרתי לכם תאכלו ותשבעו ותברכו את שמי אחר כל מאכל ומשתה ואני אסיר מקרבכם מחלה רעה שנאמר ועבדתם את ה' אלהיכם וברך את לחמך וגו' וברך את לחמך זו ברכת המזון וברכת הפירות ואם תעשה כך עליך הכתוב מקיים והסירתי מחלה מקרבך**" אין זכות פון ברכת המזון זענען אידן זוכה אַז אַלע מחלות און אַלע שוועריקייטן ווערן אָפּגעטון פון אידישע קינדער, און אַז עס קומט אַרויס מפיהם של תשב"ר איז דאָך דער זכות פי כמה.

**לויפט און קויפט די זכותים ווילאַנג עס איז נאָך דאָ אַ מעגליכקייט אָפּצוקויפן!**





# דער פרעכטיגער קרוין



ס'איז פרייטאָג אינדערפרי, ערב שבת קודש און אין אַלע אידישע הייזער גרייט זיך מקבל צו זיין פני שבת מלכתא. דער ליבער שבת קודש קומט צו גיין, און די עקרת הבית אין פילע אידישע שטיבער גרייטן זיך איינצוקנעטן אַ "טייג" כדי צו קענען באַקן היימישע פרישע חלות לכבוד שבת קודש.

אויך ביי משפחת מ. גרייט מען שוין צו דעם קנעט-שיסל, כדי דערין צו פאַרקנעטן אַ טייג לכבוד שבת. נאָך פאַר'ן באַקן האָט מען דאָרט אין שטוב איינגעקויפט דאָס בעסטע מעל, אויף וועלכן מ'האָט באַקומען די גריסן אַז פון די סאָרט מעל קומט אַרויס די בעסטע חלות. די רעסעפּי פאַר די חלות איז אויסגעקליבן געוואָרן נאָכן הערן עצות פון אַ גוטע צען-פופצן שכנות, און אַצינד ליגט שוין אַלעס אויסגעלייגט אין די פונקטליכע מאַסן. אַזויפיל מעל, אַזויפיל אייער, אַזויפיל לעפעלעך זאַלץ, אַזויפיל אויל, צוקער און אַנדערע צוגעהערן.

אַלעס ווערט פאַמעלעך אַריינגעגאָסן אינעם קנעט-שיסל, גענוי ווי אָנגעגעבן דורך די וועלכע האָבן געגעבן דעם בעסטן רעסעפּי, אַלעס ווערט געניט אויסגעמישט, און מ'ווארט שוין איצט אַז דער טייג זאָל אָנהייבן יערן, אַז מ'זאָל קענען מקיים זיין די מצוה פון "חלה".

מ'ווארט און מ'ווארט און מ'ווארט נאָך ביז איצט...

נאָך עטליכע שעה וואַרטן האָט מען שווער געקענט אָפּמאַכן צו עס איז אַ טייג פון מעל, צו גאָר אַ שטיקל קלאָץ פון די גאַס... דער טייג האָט זיך נישט גערירט פון פלאַץ. וואָס מ'האָט אַריינגעלייגט דערין "דאָס" איז עס געבליבן, און עס גייט נישט ווייטער.

די מאַמע איז אינגאַנצן פאַרביי. וואָס האָט פּאַסירט? מ'האָט דאָך אַלעס געטון ווי באַשטימט פון פאָראויס, לויט'ן פלאַן וואָלט דאָ געדאַרפט אויפיערן אַ טייג ביז גאָר הויך, פאַרוואָס רירט זיך עס נישט?

נאָך אַ קורצן שמועס און אויספרעג מיט אַנדערע שטעלט זיך אַרויס אַ קלאָר בילד. אַלעס האָט מען טאַקע אַריינגעלייגט, אָבער ס'וויכטיגסטע האָט מען פשוט פאַרגעסן... דאָס ביסל "הייבן" (גערבן, יוזט) וואָס מאַכט יערן דעם טייג, דאָס האָט מען אייגפאַך פאַרגעסן אַריינצולייגן, און אַז עס איז קיין הייבן נישט דאָ, איז קיין טייג זיכער נישט דאָ.

*

קהלתינו הק' איז אַ קהלה נאה וחסודה מיט הונדערטער בני הקהלה מיט אַלעם וואָס פעלט זיך נאָר אויס פאַר די הצלחה פון אַ קהלה. די קהלה גייט אָן אויפ'ן שענסטן פאַרנעם, גענוי ווי דער הייליגער מייסד הקהלה מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט געוואָלט און געפאָדערט.

די קהלה איז געפאָרן על מי מנוחות, עס האָט גאָרנישט געפעלט.

גאָרנישט? לאוו דוקא! ס'איז נישט בלויז אַז "עפּעס" האָט געפעלט, נאָר דאָס סאַמע וויכטיגסטע האָט געפעלט. אם אין גדיים אין תיישים. אַז עס איז דאָ אַ קהלה אָבער עס פעלט אַ תלמוד תורה, פעלט נישט סתם עפּעס. עס פעלט אַ עיקר שבעקרים. יעדער טאַטע, יעדער חבר הקהלה און יעדער איד לעבט פאַר זיינע קינדער. דאָס איז זיין עיקר, דאָס איז זיין שטרעבונג און דאָס איז זיין ציל, צו זען הויפענס מיט נחת פון זיינע טייערע קינדער שיחיו.

ווער עס איז נאָר צוגעבינדן צו אונזער קהלה, האָט אויף דעם אַרויסגעקוקט. פון דעם האָט מען גערעדט, געטראַכט און אפילו גע'חלומ'ט. דאָס איז אָפּטמאָל געווען די רעדע ביי שמועסן צווישן חברים און געשוויסטער "וואָס וועט זיין מיט אַן אייגענע תלמוד תורה? עס וועט נאָך עפּעס אַמאָל ווערן דערפון?".

יעדער האָט פאַרשטאַנען דעם נחיצות דערפון, און וויסענדיג ווי שטאַרק נייטיג עס איז פאַר'ן תכלית פון די קינדער האָט יעדער אַזוי שטארק אַרויסגעקוקט אַז דאָס זאָל שוין צושטאַנד קומען.

אָבער פאַרוואָס רעדן פונעם עבר, ווען דער הוה בליטשקעט און שיינט אַזוי שטאַרק. חפץ ה' בידינו הצליח אַהערצושטעלן די תלמוד תורה אויפ'ן שענסטן פאַרנעם. ערשט איצט ווען מ'כאַפּט אַ בליק אויף די תלמוד תורה, זעט מען וואָס עס האָט ביז איצט געפעלט. אין די בלויז בערך צוויי יאָר וואָס די תלמוד תורה שטייט האָט מען ב"ה באַוויזן געוואַלדיגע פאָרשריט. די תלמוד תורה שטייגט וועכענטליך און אפילו טעגליך מיט פרישע אויפטוען אויפ'ן געביט פון חינוך. דאָס געטריישאַפט פון די כלי קודש, די מלמדים און חברי הנהלה שטייגט מיט מיט'ן וואוקס פון די תלמוד תורה, און מען פּראָבירט צו טון וואָס נאָר מעגליך אַלס מער און מער צו הייבן דעם ניוואָ פון חינוך אין די תלמוד תורה.

**די פירות שפּעטיגן נישט צו קומען,** און דער כתר שם טוב אוודאי נישט. חסדי ה' כי לא תמנו האָט די תלמוד תורה זיך איינגעקויפט אַ כתר שם טוב, און נישט בלויז געזאָגט, נאָר טאַקע אַ ריכטיגער "כתר". די תלמוד תורה איז דער "קרוין" פון אונזער קהלה, עס איז דער קרוין בכלליות און בפרטיות. בכלליות ווען מען רעדט פון "סאַטמאַר" דאָהי אין לאָנדאָן, וועט אַלס אויפקומען דאָס ערשטע זאַך, די "תלמוד תורה" דעם גוטן סיסטעם, דאָס צוגעלאָזענקייט, דאָס איבערגעגעבענקייט, און וואָס נישט"?... און בפרטיות איז די תלמוד תורה דער קרוין פון יעדן טאַטן. ווען עס קינד עס לערנט נאָר אין די תלמוד תורה, שפּירט בחוש ווי אַדאַנק די תלמוד תורה ווערן זיינע קינדער נתחנך מיט אַזויפיל געטריישאַפט און איבערגעגעבענקייט, זיינע קינדער באַקומען דאָס בעסטע וואָס נאָר שייך, ואב מתכבד בבן מיט אַזעלכע טייערע קינדער, פרי קודש גידולים וואָס שטייגן **ב"ה אויס פון די תלמוד תורה.**

איבער דעם כתר שם טוב פון די תלמוד תורה איז דאָ אַסאַך אַסאַך צו שרייבן. טייל פון דאָס געשריבן ערשיינט אין די בעלטער פון די דאָזיגע

פאָרזעצונג אויף זייט 14



# סודות פון חדר...

(המשך פון פארגאנגענע וואך)

## שטאַרקע סוקסעס ביי "כי הם חיינו פּראָגראַם" אין כתה א'.

די יונגע תלמידים פון כתה א' האָבן אין די לעצטע וואָכן געהאַט אַ "חזרה". טאַקע נישט אויף קיין מסכתות און בלעטער גמרא, אָבער פאָרט אויף גאָר אַ וויכטיגן לימוד, דער לימוד הא"ב וואָס איז אַ יסוד אויף וואָס צו קענען שטייגן ווייטערדיגע דרגות אין אַלע לימודים. אויף דער איניציאַטיוו פון די געטרייע כתה א' מלמדים מוה"ר אברהם חיים שרייבער הי"ו און מוה"ר אלכסנדר עקשטיין הי"ו איז דורכגעפירט געוואָרן דער אינהאַלסרייכער "כי הם חיינו פּראָגראַם" און די אַלע קינדער וואָס האָבן שבת קודש גע'חזר'ט פאַרשידענע בלעטער און כללים פון א"ב און עברי, האָבן נאָך שבת באַקומען אַ ספּעציעלן קאַרטל. דערויף איז צוגעשטעלט געוואָרן אַ רייכער "געשעפט" מיט פאַרשידענע שפּילצייגן, און מיט די קאַרטלעך וואָס מ'האָט באַקומען האָט מען געקענט איינקויפן די שפּילצייגן וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן אינעם געשעפט.

**דער פּראָגראַם האָט פיל צוגעהאָלפן פאַר די הצלחה פון די לימודי הא"ב והעברי ביי די יונגע קינדער.**

## מדות טובות פראקטעצירט הלכה למעשה דורך "מדות פּראָגראַם".

די טייערע תלמידים זענען אין די לעצטע וואָכן שטאַרק געשטיגן מיט מדות טובות וישרות, נאָכדעם וואָס די קינדער האבן געהאַט די מעגליכקייט אויסצופירן הלכה למעשה די פאַרשידענע מדות טובות איבער וואָס זיי הערן כסדר. דער געטרייער מנה"ר הר"ר משה פעלבערבוים שליט"א האָט פיל גערעדט צו די קינדער איבער דעם ספּעציעלן פּראָגראַם, און האָט מעודד געווען די קינדער, אַז יעדע מדה טובה מיט וואָס מען פירט זיך, דאָ האָט מען מוותר געווען פאַר אַ צווייטן, דאָ זיך איינגעהאַלטן פון כעס, דאָ זיך געשטאַרקט און נישט געזאָגט קיין ליגענט וכדומה, אַלעס זאָל מען אָפּשרייבן אויף אַ צעטל, און פאַר יעדע אַזאַ מדות צעטל וואָס איז באַשטעטיגט פון די עלטערן באַקומט מען אַ ספּעציעלן קאַרטל. מיט די קאַרטלעך האָט מען דערנאָך געקענט קויפן פאַרשידענע שפּילצייגן און חפצים, אינעם ספּעציעלן געשעפט וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן אין די תלמוד תורה.

## הערליכע מסיבה לרגל התחלת משניות.

די תלמידים פון כתה ג' אין די מוסדות האָבן מיט אַ צייט צוריק מיטגעהאַלטן די גאָר שיינע מסיבה וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן לרגל התחלת לימוד משניות ווען די קינדער זענען ב"ה געשטיגן אַ דרגה, אָנהייבנדיג דעם נייעם לימוד פון לימוד המשניות. ביי דעם מעמד האָבן די קינדער געהאַט די געלעגנהייט מקבל פּנים צו זיין **פּני הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א** וועלכער איז ערשינען אין די תלמוד תורה, און האָט משמיע געווען דברי ברכה וחיזוק פאַר די תלמידים. אין די נאָכפאָלגענדע וואָכן האָבן די תלמידים אָנגעהויבן צו לערנען מסכת ברכות און עס איז אַ קורת רוח פאַר די עלטערן מיטצוהאַלטן ווי זייערע יונגע קינדער מאַכן שוין **די ערשטע התחלה ללימוד כל הש"ס כולה בעזהשי"ת.**

## חודש'ליכע אסיפות מלמדים בבית הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א.

**כדי נאָך מער צו הייבן דעם ניוואָ און קוואַליטעט פונעם חינוך אין די תלמוד תורה, האָט הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א איינגעפירט,** צו פאַררופען יעדן חודש אַן "אסיפת מלמדים" ביי זיך אין שטוב, ביי וועלכן דער רב שליט"א לערנט פאר "הלכות מלמדים" און דערביי שמועסט דער רב שליט"א אויס פאַרשידענע יסודות'דיגע הדרכות און עצות ווי אַזוי זיך אומצוגיין אויף טריט און שריט, ותשועה ברוב יועץ ווערט די צייט גוט אויסגענוצט דורך די כלי קודש דורכצושמועסן צווישן זיך פאַרשידענע עצות און פּראַקטיק **פאַר די טובה פונעם חינוך פון די קינדער.**

## תפלת שחרית מיט'ן רב שליט"א.

יעדן פרייטאָג, ערש"ק ערשיינט דער רב שליט"א אין בנין התלמוד תורה און דאַווענט שחרית צוזאַמען מיט די תשב"ר, וואָס ברענגט אַריין אַ ספּעציעלן חיות און התעלות בשעת התפלה. נאָכן דאַווענען איז דער רב שליט"א משמיע דברי חיזוק והתעוררות פאַר די תלמידים פון די עלטערע כתות, יעדע וואָך אויף אַ צווייטע נושא, וואָס לאָזט איבער אַ רושם אדיר אויף די טייערע קינדער, און פילט אָן זייערע מוחות מיט גאָר רייכע ידיעות אין פאַרשידענע ענינים.

## חבורה "מבקשי שביעי" גייט אָן מיט שטאַרקע הצלחה.

די תלמידים פון די עלטערע כתות אין די תלמוד תורה, אָנגעהויבן פון כתה ו' און העכער, האָבן מיט אַ צייט צוריק זיך אָנגעשלאָסן אין די פרישע חבורה "מבקשי שביעי" וועלכע איז ספּעציעל געצילט אַז די תלמידים זאָלן אויסנוצן די פרייע זמנים, ווי ערב שבת, שבת קודש, און אַנדערע זמנים איבערן יאָר, אַריינצוכאַפּן שעות רצופות, און גלייכצייטיג קונה שלימות צו זיין בחזרת הלימודים פון די לימודים וואָס מ'האָט געלערנט אין די פריערדיגע זמנים. אַריינקומענדיג **אין די לאַנגע שבת** נאכמיטאגס אין די בתי מדרשים אין די שטאָט, איז אימער אַ שטאַרקער עונג רוחני צוצוזען ווי חבורות **תלמידים פון אונזער תלמוד תורה זיצן און לערנען צוזאַמען מיט געשמאַק און התמדה.**

# מכתב עוז
## מאת הגה"צ אב"ד ור"מ דקהלתינו שליט"א


Rabbi Yosef Binyomin Wosner
9 Gilda Crescent
London N16 6JT
(020) 8806 6077

יוסף בנימין הלוי וואזנער
אב"ד ור"מ דקהל יטב לב ד'סאטמאר
לאנדאן יצ"ו


בס"ד יום ד' לסדר זאת חקת התורה ה' תשע"א

אל ידידינו אנ"ש יקרים רעים אהובים · ת"י ותלת מולין ללבות זהבים

תה"ל נבנתה קהלתינו הק' - כשאר קהילות הקודש דפה - להקים ת"ת לחינוך בני ישראל על ישראל סבא, וכמסורת אבותינו ורבותינו הק'.

אלא שהתפתחות הת"ת דקהלתינו היא למעלה מן המשוער, כאשר אנחנו עדיין בעיצומה של השנה השניה לפתיחת שערי הת"ת. וכבר יש בעזה"י ד' מאות ילדים כ"י היו, ואין ביכולת ההנהלה לעמוד בעול וריבוי ההוצאות הכבדות. הגם שההנהלה מסורה בלב ונפש, יומם ולילה לא ישבותו. ועדיין אין הקומץ משביע את הארי, וחובות גדולים כבר רובצים עליהם.

הרה"ח מוה"ר ישעי' וואלף לעוו, ראה"ק שליט"א מתמסר מאוד בדמים תרין. משמע להעמיד בנין הת"ת על תילו, וראוי הוא ומשכ"ה שיהי' לשכר גדול על כך, אבל ההוצאות שמידי יום יום אין להם מענה נכון ופתרון אמיתי.

עולם חסד יבנה - ובוודאי גם עולמה של תורה נבנית במדת החסד, וכמו שאמר דוד המלך ע"ה לכו והתפרנסו זה מזה - על כן אחי ורעי תושבי לאנדאן הבירה, אנא יעלו דברינו לרצון על לבבכם, ותשתתפו במגבית שעורך ידידינו המסור הרה"ח ר' יושע וויינבערגער שליט"א לטובת הת"ת, ובעין יפה ורוח נדיבה הרימו את תרומתכם למען תשב"ר, והשי"ת יחזיר לכם שפע רב של ברכה והצלחה בכל אשר תפנו.

הכו"ח לכ' התורה ותשב"ר

יוסף בנימין הלוי וואזנער

קיום
**התורה והיראה**
רעסעפשאן תשע"א

## יום א' בלק ר"ח תמוז

בבית הרבני הנגיד
**הרה"ח יושע וויינבערגער שליט"א**
חבר הנהלה
60 St Kildas Road



# קול ההורים

עלטערן שרייבן איבער די תלמוד תורה

## הלוואי נאָך אַזעלכע געסט...

**לכבוד הנהלת התלמוד תלמוד תורה "תורה ויראה" דסאטמאר לאנדאן.**

מזל טוב, ברוכים תהי'. ס'איז ביי מיר ב"ה געבוירן געוואָרן אַ פריש אייניקל נ"י, פון וועמען איך האָף אי"ה צו שעפּן הויפּענס מיט נחת, עכ"פ אַזויפיל נחת ווי איך שעפּ ב"ה פון זיין טייערן ברודער נ"י וועלכער איז אויף געסטעריי ביי מיר אינדערהיים אויף אַזוי לאַנג ווי זיין מוטער תחי' איז אויף קימפּעט.

ווען איך וואָלט מיך נישט געשעמט וואָלט איך אָפּען געשריבן אַז איך קען אַליינס נישט אָפּמאַכן ביי מיר וואָס ס'איז ביי מיר אַ גרעסערע שמחה, צי דאָס געבורט פון אַ פרישן אייניקל, צי דער פאַקט אַז מיין אַן אַנדערער אייניקל שטייט אין ביי מיר אויף עטליכע וואָכן... אוודאי איז דאָס געבורט פון אַ פריש קינד אַ געוואַלדיגע שמחה, אָבער איך מוז מודה זיין אַז דאָס האָבן ביי מיר אין שטוב אַזאַ טייער אייניקל איז דאָס מאָל ביי מיר עפּעס אַ ספּעציעלע שמחה, אַ שמחה וואָס כ'האָב זעלטן ווען פריער געשפּירט.

אַלס זיידע פון אַ שיינע פּאר אייניקלעך פאַרשטייט איר אַליינס, אַז ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס אייניקלעך שטייען אין ביי מיר אויף עטליכע טעג, אויף וואָכן און אפילו אויף חדשים. נישט אַז איך רעדט מיך אָפּ, אָבער קינדער זענען קינדער, און איך בין שוין ווי צוגעוואוינט, אַז ווען אַן אייניקל קומט צו מיר, דאַרף מען אים באַגלייטן און אָפּוואַרטן ווי אַ קינד. דאָ אויפוועקן, דאָ זען אַז ער זאָל אַלעס טון ווי עס דאַרף צו זיין, דאָ זען אַז ער זאָל שוין גיין אין חדר אַריין (וואָס אגב, נישט אַלעמאָל איז עס איז ביי זיי מיט'ן בעסטן חשק...) און אַזוי ווייטער.

אה, מיין טייער אייניקל א...'לע נ"י איז נאָרוואָס געוואון ביי מיר אויף גאַנצע פיר וואָכן. ער לערנט אין די הייליגע סאַטמאַרער **תלמוד תורה "תורה ויראה",** און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עס דערקענט זיך אויף טריט און שריט. מ'זעט אויף אים, וואָס זאָג איך מ'זעט, **עס שרייט אַרויס פון אים דאָס צופרידענהייט און גליקליכקייט צו גיין אין חדר** וואָס מ'זעט אויף יעדע מינדעסטע ריר. איך דאַרף אים וועקן צו גיין אין חדר? אָפּטמאָל נאָך איידער כ'האָב געהאַט די מעגליכקייט צו גיין וועקן, האָב איך אים געטראָפן שוין גענצליך גרייט צו גיין אין חדר אַריין. ער לייגט זיך באַצייטענס, שטייט אויף באַצייטענס, טוט אַלעס מיט אַ חשק און זריזות, און קען שוין קוים וואַרטן זיך צוריק צו טרעפן ביים מלמד ר' ... שליט"א וואָס לייגט דאָך אַריין אַזויפיל כוחות און אַזויפיל געפיל אין די טייערע קינדער שיחיו.

גיין ליידיג? וויפיל מאָל אין די לעצטע צוויי וואָכן האָט ער מיך גערופן אַז איך זאָל אַביסל לערנען מיט אים. ער וויל אַריינכאַפּן נאָך אַ שעה רצופות, נאָך אַ בלאַט חזרה. איך אַליינס בין שוין געוואָרן אַ גאַנצער בקי אין די בלעטער גמרא וואָס זיי לערנען אין חדר, אַלעס אַדאַנק זיין התמדה און חשק.

איך ווייס נישט גענוי וואָס עס איז, אָבער עפּעס אַ צויבער-קראַפט לייגט איר אַריין אין די קינדער, צי ס'איז דער מלמד, צי דער גאַנצער רוחניות'דיגער סטעפ דאָס ווייס איך שוין נישט, וואַרשיינליך איז עס איז ביידע... אָבער דאָס איז זיכער אַז כ'האָב בפירוש דערקענט אויף מיין אייניקל **די כחות וואָס מ'לייגט אין אים אַריין אין די תלמוד תורה.**

ומעין הפתיחה בין איך מסיים אַז השי"ת זאָל העלפן אַז איך זאָל פון מיין נייעם אייניקלעך, און אייגענטליך פון אַלע מיינע אייניקלעך זען אַזויפיל און נאָך פיל מער נחת ווי פון די בשותפות'דיגע נחת וואָס מיר ביידע שעפּן פון מיין אייניקל א...'לע נ"י וואָס לערנט און ווערט דורך ענק מחונך, ביז מיר וועלן שוין בקרוב זוכה זיין צו גיין קעגן דעם גואל צדק, אמן.

**ידידכם**

**ה. מ.**

*

## אַ גאַסט אויף אַ ווייל

**א' פרשת שלח תשע"א לפ"ק**

**מע"כ חברי הנהלת תלמוד תורה "תורה ויראה" דסאַטמאַר בעיר לאָנדאָן יצ"ו.**

**היום יצאתי, היום באתי והיום אני כותב.** קוים וואָס איך בין אָנגעקומען אַהיים קיין מאַנטשעסטער, קוים וואָס כ'האָב מיך אַריינגעשלעפּט מיט'ן געפּעק, כ'האָב עס נאָך אפילו נישט אויסגעפּאַקט, אָבער שוין מוז איך נעמען דעם פעדער אין די האַנט אָפּצושרייבן מיינע הרגשים און געפילן וואָס כ'האָב נאָך דערווייל נישט געהאַט פּאַר וועמען דאָס אויסצוגעבן.

מאת ה' היתה זאת, בין איך פאַרגאַנגענעם חג השבועות העעל"ט געווען צוגאַסט ביי ענק אין לאָנדאָן. איך בין איינגעשטאַנען ביי מיין זון ר' ... הי"ו וואָס וואוינט נישט ווייט פונעם סאַטמאַרער ביהמ"ד הגדול אויף קלעפּטאָן קאַמאָן. איבערן יום טוב און אויך שבת דערנאָך האָב איך געדאַווענט אין חרדים ביהמ"ד, אָבער עס איז מיר עטליכע מאָל אויסגעקומען אַריינצוגיין אין סאַטמאַר, וואו איך האָב געלערנט און געדאַווענט. ובפרט האָב איך האָב דאָרט אין סאַטמאַר פאַרברענגט דעם הייליגן נאַכט פון יום טוב שבועות, זיצענדיג מיט'ן תיקון לליל שבועות צו זאָגן דאָס וואָס מען פירט זיך צו לערנען שבועות אויפדערנאַכט.

אינמיטן זאָגן תיקון בין איך עטליכע מאָל ווי איבערגעריסן געוואָרן דורכ'ן קול התשב"ר פון טייערע קינדערלעך, לויט'ן אויסזען פון די העכערע כתות, וואָס זענען געזעסן און עוסק געווען בתורה, אָדער געזאָגט תיקון לליל שבועות, אָדער געלערנט סתם לימודים. זייער קול תורה האָט מיך עפּעס זייער באַנומען, און

כ'האָב מיך געמוזט נאָכפרעגן ווער דאָס זענען, און פּאַרוואָס זיי גייען נישט אַהיים שלאָפן...

אויף מיין פראַגע פּאַרוואָס זיי גייען נישט אַהיים שלאָפן איז דער ענטפער געווען פּשוט, ווייל די עלטערן געבן זיי רשות אויף אים, און אויף דעם פּאַרוואָס די עלטערן געבן טאַקע רשות האָב איך נישט געדאַרפט פרעגן. כ'האָב עס שוין אַליינס אויפגעפּאַסט. קינדער וואָס קענען זיצן עטליכע שעה ברצופות און זיך קוים אויפהייבן די אויגן פון די גמרא צי פונעם תיקון, איז זיין פּלאַץ שבועות ביינאַכט אין ביהמ"ד, נישט אין בעט...

ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוויסט, זענען דאָס קינדער וואָס לערנען ביי ענק אין תלמוד תורה, און כ'האָב די גאַנצע צייט, נאָך זייענדיג אין לאָנדאָן געזוכט איינעם פון די חברי הנהלה, פּאַר וועמען אויסצוגעבן מיין התרגשות פון וואָס כ'האָב אַליינס מיטגעהאַלטן. כ'האָב אָבער פּשוט נישט געוויסט פּאַר וועמען. מוז אַצינד דער פּאַפּיר זיין מיין ידיד פּאַר וועמען איך גיב מיך אויס, און איך האָף אַז עס וועט אָנקומען צו די ריכטיג אויגן און אויערן.

מיט דאַנק פאַר'ן מיר פאַרשפאַן אַן עונג יום טוב ועונג שבת

**ידידכם בלתי מכירכם**

**י.י.וו.**

**פה מאַנטשעסטער יצ"ו**

*

**לכבוד חברי הנהלת הת"ת הק' שיחיו.**

שוין אַ לענגערע צייט וואָס איך וויל שרייבן צו אייך, אָבער די געלעגנהייט האָט צוליב סיבות, באַרעכטיגטע ווי אומבאַרעכטיגטע געשפּעטיגט צו געבן, ובעיקר צוליב דעם מאמר החכם "מה שהרצון חושק אפס הפנאי עושק" וואָס צוליב מאַנגל אין צייט איז מיר פּשוט נישט אויסגעקומען צו שרייבן, ובא המאמר השני ויכריע, איז דאָ אַן אַנדערער מאמר החכם "מה שלא יעשה השכל יעשה הזמן" וואָס אָט די "צייט" וואָס האָט געטון דאָס איריגע ברענגט מיך צו שרייבן די פאָלגענדע שורות.

מיט בערך צוויי יאָר צוריק בין איך געווען פון די גליקליכע עלטערן וואָס האָבן האָבן אַריינגעשטעלט די קינדער אין די פריש-געגרינדעטע תלמוד תורה. מיר האָבן נישט געהאַט צופיל וואָס צו קווענקלען. געהערענדיג צו קהלתינו הק', און אַלס חסיד נאמן פון כ"ק מרן רבינו שליט"א האָב איך גלייך פאַרשטאַנען וואו עס איז דאָס פּלאַץ פאַר מיינע טייערע קינדער שיחיו. אָבער... נישט ווייניג האַרץ-קלאַפּעניש האָב איך געהאַט. ס'איז דאָך פאָרט אַ נייע זאַך, וועט זיך עס אויסאַרבעטן? לוינט זיך דער טויש?

"הרבה יותר ממה שכתבתי יש כאן" און איך קען נישט אַראָפּשרייבן מיין צופרידענהייט און דאַנקבאַרקייט. כ'האָב אַזויפיל וואָס צו שרייבן און רעאַגירן אָבער איך וויל מיך האַלטן צו אַ ליניע, צוליב וועלכע איך האָב איצט גענומען דעם "קנה חורשתא" צו שרייבן די פּאָר שורות.

זינט די תלמוד תורה איז פריש-געעפנט געוואָרן, האָט מען אַסאַך שוין גערעדט איבער דאָס געטריישאַפט פון די מלמדים צו די קינדער. כ'האָב עס געהערט און אפילו געזען אויך. ווען נאָך אימער כ'האָב גערופן צום מלמד אין שטוב אַריין איז דער מלמד געווען גרייט צו מיר. אויב איז דאַן נישט געווען אינדערהיים, האָט ער פון זיך אַליינס צוריקגערופן. אַז כ'האָב מיך "דורכגעשמועסט" איבער אַ קליינינקייט האָט ער גלייך זיך אַריינגעלייגט אין דעם נושא, עס דורכצוטון, עס מלבן צו זיין ווי די שווערסטע סוגיא אין ש"ס, און כ'האָב געזען ווי ער באַנעמט זיך צו זיין עבודת הקודש מיט'ן פולסטן ערענטסקייט.

כ'בין געווען זייער צופרידן, פאַרשטייט זיך. אָבער כ'האָב געמיינט אַז עס מאַכט זיך אַמאָל אַ ספּעציעל געטרייער מלמד, און ס'מוז נישט זיין אַז דאָס איז קומט אַזוי. איצט האַלט מען שוין אינמיטן צווייטן יאָר, און דער איצטיגער מלמד פון מיין זון נ"י איז מיט קיין האר נישט אַנדערש. אויב עפּעס איז ער אוזער אויך אַזוי געטריי און איבערגעגעבן. כ'האָב גאָרנישט די ווערטער דאָס אַראָפּצוגעבן.

ועל של עתה באתי. כ'האָב נאָרוואָס אַראָפּגעלייגט דעם טעלפאָן מיט'ן מלמד, כ'האָב אים דערציילט איבער אַ עפּעס אַ שטיקל פּראָבלעם. (איך וויל עס נישט דאָ אויסשמועסן אויפ'ן פּאַפּיר, כ'וויל נישט ס'זאָל זיך דרייען בכתב, אָבער פערזענליך קען איך אייך אפילו זאָגן וואָס דער פּראָבלעם איז געווען.) כ'האָב געוואָלט גיין אָנרופן דעם מלמד, אָבער "והי' טרם אקרא" נאָך איידער כ'האָב מיך געקענט אָריענטירן, האָט שוין דער טעלפאָן געקלונגען, און ווער דען איז עס געווען אויב נישט דער געטרייער מלמד פון מיין זון נ"י, וועלכער האָט שוין אַליינס אויפגעכאַפּט אַז עפּעס גייט דאָ פּאַר, און ער האָט מיך גערופן מיט עצה זיך עצה צו געבן צוזאַמען וואָס מיר קענען טון אַז אפילו דער קליינער פּראָבלעם זאָל ח"ו נישט זיין קיין שטער פאַר'ן התעלות פון מיין בן יקיר נ"י.



איך האָב נאָך פיל פיל צו שרייבן, אָבער דער טעלפאָן רוף האָט מיך צו שטאַרק איבערראַשט אַז איך זאָל דאָס קענען אַוועקלייגן אויף אַ צווייטע געלעגנהייט. איך האָף אַז די שורות וועלן אייך זיין אַ חיזוק, און איר קענט דאָס ווייזן פאַר די מלמדים, זיי צו ציינן אַז זייער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט ווערט געשעצט ביי די עלטערן.

ויה"ר שתזכו להמשיך הלאה לחנך ולגדל את צאצאינו ע"ד התורה והיראה כפי שהורינו רבוה"ק מדור דור זי"ע ויבלחט"א מרן רבינו שליט"א, עדי נזכה לקבל בלגיון של מלך הלזו את פני מלך המשיח בעגלא ובזמן קריב, אמן.

**ידידכם**

**י.א.ה.ק.**

# אין בלויז צוויי יאר ....



א איבערליק אויף דעם רוחניות'דיגן בליה פון אונזער 'תלמוד תורה'

(ה)

## הצלחת התלמידים

די חשוב'ע הנהלה רוחני און סטעף פון אונזער תלמוד תורה 'תורה ויראה' האט גענומען פאר זייערהויפטציל - "די הצלחה פון די תלמידים". סיי די הנהלה און סיידער מנהל און אזויוויטערדי מלמדים פאראינטערעסירט די הצלחה פון יעדן תלמיד באזונדער.

די איבערגעבענע מלמדים לאזן נישט אויס קיין איין קינד און וועלכע מען לייגט נישט אריין ארבעט, ארויס צוברענגען פון אים די מאקסימאלע כוחות און מעגליכקייט זאלדע גרייכן צו זיין שטאפעל אין לערנען.

און אזוי אויך אין מדות און התנהגות בין אדם לחבירו, האלטן די מנהל שליט"א און די מלמדים שיחיו' א עינא פקיחא אויף די אויפירונג פון יעדן קינד באזונדער, און האבן א פרטיות'דיגן צוגאנג צו די תלמידים זיי מדריך צו זיין כדי אויס צושטייגן בעלי מדות טובות און בעלי דרך ארץ.

(ו)

## עזר לתלמידים

"עזר לתלמידים" איז א באזונדערע פראיעקט וואס דער 'תלמוד תורה' פארמאגט, ווי מען געבט זיך אפ מיט די קינדער וועלכע האבן שוועריקייטן אין לערנען, מען האט שוין בעז"ה באוויזן גדולות ונצורות, ארויסצוהעלפן די תלמידים, און ברוך השם מען זעהט שוין פירות ווי די קינדער שטייגן שטארק אין לערנען.

דער תלמוד תורה געבט זיך אויך אפ מיט קינדער וועלכע האבן אנדערע שווערקייטן און שוואכקייטן, זיי ארויס צוהעלפן איבער קומען זייערע שוועריקייטן, אסאך צייט און כח ווערט געלייגט צו העלפן די קינדע ראויסשטייגן לשם ולתפארת.

(ז)

## מתמידים, שווימען וכו'

די אחריות וואס די הנהלה רוחני פון ת"ת טראגט און זארגט זיך אויף די תלמידים, איז נישט נאר באגרעניצט אין די שעות ווען די קינדער געפינען זיך אין די ווענט פון די ת"ת, די הנהלה באגלייט די קינדער אויך אין די אנדערע שעות אויסער די ת"ת ווענט, ווי אויך און ער"ש און שבתות וי"ט א.א.וו., די קינדערזאלן חלילה נישט פארלירען דאס וואס זיין האבן קונה געווען אין ת"ת.

אויסער פאר שידענע גדרים וסייגים וועלכע די ת"ת האט איינגעפירט, האט די ת"ת צו געשטעלט יעדע נאכט א לימוד מתמידים פאר די עלטסטע כיתה. אויך האט די הנהלת הת"ת אריינגעלייגט גרויסע כוחות










צוזשטעלן א פראגראם פון שווימען א געהעריגע השגחה, עפ"י הדרכתו פונעם רב שליט"א. א.א.וו.

(ח)

## די איבער געבענע חשוב'ע מלמדים

מען קען נישט ענדיגן דעם ארטיקל אן ארויס ברענגן די גרויס עאומשאצבארע ארבעט, וועלכע די געטרייע איבער געגעבענע מלמדים געבן זיך אוועק פאר די הצלחה פון די קינדער, מיט אזוי פיל געפיהל און הארץ, איבער צו געבן און אויסצולערנען די קינדער הן אין לערנען מיט הבנה און חשקות הלימוד, און הן אין התנהגות מיט מדות דרך ארץ חסידות תפילה און נאך.

עס איז איינס פון די גרעסטע חידושים פון אונזער ת"ת, וועלכע איז געווארן אוועק געשטעלט אין נישט קיין סאך מער פון איין יאר, און הגם עס איז דא אסאך נייע מלמדים וועלכע האבן קיינמאל פריער נישט געטוען אין מלומדות, דאך איז ספעציעל געלונגען צו עררייכען געלונגענע און גאר געטרייע מלמדים מחנך צו זיין אונזערע קינדערלעך.

די מלמדים זענען גאר חשוב'ע אינגעלייט יראי השם מסלתה ומשמנה פון אונזער קהילה, וועלכע זענען א ריכטיגן מוסטער פאר די קינדער מיט זייער התנהגות אגאנצן טאג, שמם הטוב הולך לפניהם, אין די גאנצע שטאט הערטזיך די געלונגענע אויסוואל פון אונזערע מלמדים און עוסקים במלאכת הקודש אין ר' יואל פישער שליט"א וואס איז דער רעכטער היינט פון מנהל שליט"א אין ר' משה ברוך פינקלשטיין שליט"א וואס איז געשטעלט אויף די עברי כיתות מיט א מורדיגע געטריישאפט .

(ט)

## הנהלה רוחני

ועל צבאם פון די מלמדים שטייט דער חשוב'ע איבערגעבענע מנהל הרה"ח ר' משה פעלבערבוים שליט"א וועלכע טראגט די אחריות פון יעדן קינד פערזענליך מיט א געוואלדיגע ערנסקייט און אחריות, יומם ולילה לא ישבות צו טוען וואס איזנאר אין זיין מעגליכקייט פאר די הצלחה פון די תלמידים.

והעומדים על הפקודים, די חשוב'ע הנהלה רוחני: הרה"ג ר' שלום יצחק קרויס שליט"א, הרה"ג ר' ישראל יעקב יוקל שלעזינגער שליט"א, הרה"ח ר' דוד שלמה יצחק גאטעסמאנן שליט"א. וועלכע באגלייטן די מוסד בכלליות ובפרטיות  מיט גרויס געניטשאפט, און א דאנק זייער ארבעט איז דער רוחניות'דיגע ניווא פון מוסד אויף אזא הויכען שטאפעל.

ומי בראש, דאס איז אונזער חשוב'ע רב הגה"צ אב"ד ור"מ דקהלתינו שליט"א, וועלכע באגלייט אלע החלטות פון מוסד, און שטייט אין שטענדיגן קאנטאקט מיט די הנהלה רוחני, און דער מנהל שליט"א. דער רב שליט"א קומט יעדן וואך אין ת"ת ווי ער דאוועט מיט די קינדער, און טרעטאויף מיט פייערדיגע דרשות פאר די קינדער.

(י)

## זומער קעמפ

דער 'זומער קעמפ' מחנה "תורה ויראה" דאס איז נאך א פראיעקט וועלכע די "הנהלה רוחני" האט אונטער גענומען, כדי צו פאר זיכערן אז דער קעמפ זאל טאקע זיין א המשך צו די התעלות רוחני פון די קינדער, און זאל העלפן משלים זיין מחנך זיין די קינדער אויף די ענינים וועלכע ס'קומט נישט אויס א גאנץ יאר אין די ווענט פון די תלמוד תורה.

דער פאר זארגט די הנהלה רוחני אז די איינגעשטעלטע אין קעמפ, זאלן זיין אזעלכע וועלכע זענען עוסק א גאנץ יאר אין דעם פעלד פון חינוך. די הנהלה האט אוועק געשטעלט תקנות גדרים וסייגים אזוי אז די קינדער וועלכע ווילן אין קעמפ וועלן בעז"ה האבן די ריכטיגע הנאה און סיפוק רוחני.

# ביקור כ"ק מרן רבינו שליט"א

## בעירינו לאנדאן יצ"ו

### חשון תשע"א


רבינו שליט"א קוקט איבער די מתנה פון די קינדער לימוד שעות רצופות


הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א ביים קבלת פנים


די רבי שליט"א וואונשט אן פאר ר' שמעון פרענקל און זיין אינגל


רבינו שליט"א וואונשט לחיים פאר די תשב"ר


די קינדער וואונטשען לחיים פארן רבי'ן


די קינדער זיצן מיט דרך ארץ ביים קבלת פנים


קבלת פנים דורך די קינדער אין ביהמ"ד הגדול


כ"ק מרן רבינו שליט"א גייענדיג צום אכסניא בבית הרבני הנגיד פטרון הת"ת


די ילדי תשב"ד ביים באגלייטן כ"ק מרן רבינו שליט"א

# ביקור כ"ק מרן רבינו שליט"א

## בעירינו לאנדאן יצ"ו

### חשון תשע"א







כ"ק מרן רבינו שליט"א פארהערט די תלמידי התלמוד תורה
אויך ווערט געזען דער פטרון הת"ת הנגיד ר' ישעי' זאב לעוו נ"י

כ"ק מרן רבינו שליט"א באטראכט די
לימודים אין תלמוד תורה



כ"ק מרן רבינו שליט"א באטראכט דעם נייעם שטח פונעם בנין התלמוד תורה



כ"ק מרן רבינו שליט"א זאגט א שיעור
אין היכל הכולל




דער הערליכער אויבן אן ביי די גרויסע הכתרה פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א



כ"ק מרן רבינו שליט"א מיט אין א שמועס מיט
הנגיד החסיד ר' אלי'ש ענגלענדער נ"י



הנגיד ר' אשר זעליג לעוו מגדולי תומכי
המוסד נעמט ברכת קדשו פון רבין



דער ציבור עצום ביי די הכתרה

# פאַר וועמען?

# פאַר זיך אַליינס!

פארזעצונג פון זייט 2

**תלמוד תורה מיט גרעסערע סכומים געלט.**

אין אַנדערע ווערטער, אַנשטאַט אַליינס גיין דינגן אַ מלמד און אַליינס דינגען פאַר געלט אַ מקום וואו דער מלמד זאָל לערנען מיט'ן קינד, ווי עס איז ווירקליך געווען דער איינשטעל אין דער אַלטער היים; צי אַנשטאַט אַליינס אַוועקגעבן שעות אויף שעות צו לערנען מיט די קינדער, וואָס וואָלט נישט איבערגעלאָזט קיין צייט צו גיין ברענגען פרנסה אין שטוב אַריין, אַנשטאַט טון די אַלע זאַכן, דאַרף מען בלויז נעמען דאָס געלט וואָס מען פאַרדינט יאָ, און וואָס מען געט נישט אויס פאַר'ן פריוואַטן מלמד וואָס מ'דינגט נישט, און עס געבן פאַר די תלמוד תורה.




**נעמען פון איין טאַש און עס לייגן אין די צווייטע...**

עס איז אָבער פיל מער פון דעם. אין פאַקט איז דאָס טאַקע אַזוי. ווען מ'געט פאַר די תלמוד תורה נעמט מען בלויז פון איין טאַש און מ'לייגט עס אין די צווייטע, אָבער אינצווישן פאַרדינט מען גאָר גאָר אַסאַך, סאַך סאַך מער וויפיל עס איז ווערד דאָס געלט וואָס מ'געט אויס דערצו.

מיט אַט דאָס געלט וואָס מ'געט אויס, ווערן די טייערע קינדער מחונך. דאָס טייערסטע וואָס מ'פאַרמאָגט, עס ווערט אויסגעפירט דאָס שטרעבונג פון יעדן איד. יעדער איד איז דאָ אויף די וועלט, מ'האראוועט און מ'לייגט אַריין כוחות. אַלעס פאַר די קינדער. ווען די קינדער ווערן מחונך ווי עס דאַרף צו זיין, זיי זענען מסודר מיט אַלעם וואָס זיי דאַרפן, איז דער מענטש רואיג און צופרידן, און ח"ו ווען דאָס מינדעסטע זאַך איז נישט געהעריג מסודר ביי די קינדער איז דער מענטש שוין אינגאַנצן צושאקעלט, פיל פיל מער ווי ווען סאַך גרעסערע זאַכן זענען נישט מסודר ביי זיך אַליינס.

און אַז מען וויל אַזוי שטאַרק דאָס בעסטע פאַר די קינדער, וויל מען זיכער און זיכער אַז זיי זאָלן שטייגן און נתחנך ווערן העכער און העכער, וואָס אַט דאָס ווערט טאַקע אויסגעפירט צווישן די פיר ווענט פון די תלמוד תורה, וואו די תלמידים שטייגן אויס דאָס וואָס די עלטערן האָפן און קוקן אַרויס אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן, און נאָך אפילו פיל מער פון דעם. דער נחת וואָס די עלטערן שעפן פון די כחות וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין די תלמוד תורה קען מען ניטאָמאָל באַצאָלן, אָבער כדי מען זאָל קענען צוקומען צו דעם נחת, דאַרף מען האָבן אַסאַך אַסאַך געלט. מעגליך אַז עס איז טאַקע אַסאַך, אָבער אַז מען קוקט אויפ'ן פועל יוצא, **וואָס דאָס געלט וועט אי"ה ברענגען און אויפטון**, איז עס ממש גאָרנישט. דער נחת און קורת רוח וואָס דאָס געלט וועט אי"ה ברענגען אויף היינט און אויף שטענדיג איז דאָך אין לשער.

**ס'איז אַ געשעפט וואָס לוינט זיך קלאָר! עס ברענגט אייך זיכערע רווחים!**

## הכנסת ספר תורה אין די ת"ת





## דער פרעכטיגער קרוין



פארזעצונג פון זייט 5

פענע, נישט האָבנדיג די מעגליכקייט אַרויסצוגעבן די ווירקליכע געפילן ווי עס דאַרף צו זיין.

אָבער אַז מען רעדט פון אַ "כתר". אַ קרוין דאַרף מען פוצן און פלעגן. ווי טייערער דער קרוין איז, אַלס מען דאַרף מען האַלטן אַן אויג דערויף אַז עס זאָל בלייבן מיט דעם פראַכט און גלאַנץ וואָס עס טראָגט אויף זיך.

**אונזער תלמוד תורה איז אַ קרוין**, אַ פרעכטיגער כתר מלכות וואָס שיינט אויף אונז אַלע. אויף אונז ליגט דער פליכט צוצולייגן אַ האַנט און אַ פלייצע, **צו זען אַז געלט זאָל ח"ו נישט זיין קיין אָפּהאַלט ווען עס קומט צום חינוך פון די טייערע תשב"ר**, און אַז די כלי קודש וואָס געבן זיך אָפּ מיט'ן חינוך זאָלן אַלע האָבן די ברייטע מעגליכקייטן און ריכטיגן הרחבת הדעת וואָס פעלט זיך אויס פאַר דעם עבודת הקודש.

**קומענדיגן זונטאָג, ראש חודש תמוז הבעל"ט וועלן מיר אַלע זיך צונויפקומען אין שטוב פונעם געטרייער חבר הנהלה הרה"ח ר' יושע ווייבערגער שליט"א מיט'ן איינעם און בלויזן ציל, צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת די ווייטערדיגע הצלחה פון אונזער אייגענע הייליגע תלמוד תורה.**


בס"ד
די ערשטע
און וויכטיגסטע
צדקה צוועק
איז די
חינוך פון
אייערע טייערע
קינדער
און אייניקלעך
מיר בעטן קריטיש
אנגעווייזן אויף אייערע
ברייטהארציגע שטיצע
תלמוד תורה
תורה ויראה
דסאטמאר
לאנדאן
"ברכת המזון קאמפיין"
זכות יום
£120
זכות שבוע
£360
זכות חודש
£500
תלמוד תורה
תורה ויראה
דסאטמאר
לאנדאן
יצ"ו
קיום
התורה והיראה
רעסעפשאן תשע"א
יום א' בלק ר"ח תמוז
בבית הרבני הנגיד
הרה"ח יושע וויינבערגער שליט"א
חבר הנהלה
60 St Kildas Road

תלמוד תורה
תורה ויראה דרבינו יואל
דסאטמאר
לאנדאן יצ"ו
מיסודו של כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע
Fax: 020 8880 8943

Talmud Torah
Torah Veyirah
D'Satmar
London
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א
Tel: 020 8880 8944

91 Amhurst Park
London N16 5DL


# קריאה נרגשת לאנ"ש ובני קהלתינו שיחיו

הננו בזה בקריאה של חיבה לכל אחד ואחד על דבר מוסדינו הק'

## "תלמוד תורה 'תורה ויראה' דרבינו יואל"

**אשר כשמו כן הוא תורה ויראה במלוא מובן המילה**

## ותהלה להשי"ת מתחנכים כארבעה מאות צאן קדשים

**בדרכי אבותינו ורבותינו באהבת תורה ויראת שמים ומדות טובות.**

תחת הדרכת סגל חבורה מנהלים מחנכים ומלמדים מובחרים, ובו"ה שהכל מתנהל בהרחבת הדעת מלאה,
יען הושקע דמים גדולים תרתי משמע לבל יחסר המזג הן בחדרים מפוארים והן בהנהלת האפיסעס
לצורך הת"ת, וכהנה רבות אשר אי אפשר לפורטם, והצד השוה שבהן שמוסד
גדול ומפואר כזו מושכת לסכומים אדירים עד אין שיעור,

**ועינינו תליות וצפיות אליכם אנ"ש היקרים הורי וזקני וקרובי התלמידים,**
**אנא ואנא שאו ידיכם קודש בסיוע ועזרה למעלה מן הרגיל.**

---

**על כן בואו בהמוניכם ובממוניכם למסיבה של מצוה**

## "קיום התורה והיראה"

אשר נערך בלב ובנפש ע"י אחד המיוחד מחברי הנהלה העומד תמיד נצח לטובת התלמוד תורה

**הרבני הנגיד החסיד מו"ה יושע וויינבערגער שליט"א**

**בביתו 60 St. Kildas Road**

## ביום א' בלק הבעל"ט - משעה 7:30

---

בטוחים אנחנו שכולכם כאחד תבואו ותסייעו ברוח נדיבה אחרי שכמונו כמוכם יודעים רום מעלות התלמוד תורה ופירותי' המעידות עלי' כי זרע ברך ה' המה, ובעה"י ע"י נדבתכם הגדולה נוכל ברוב סייעתא דשמיא להמשיך ולהגביר חיילים בחינוך הטהור והשלם ביתר שאת ויתר עוז לנח"ר הבוית"ש ולתפארת רבותינו הק' נבג"מ ויבלחט"א מרן רבינו הגה"ק שליט"א עד ביאת ינון בב"א.

**המצפים לראותכם ולקבל פניכם בכבוד**

## הנהלת התלמוד תורה